כאַנע לעווינ

אַפֿ דער
זוניקער זײַט

קינדער־פֿאַרלאַג
בײַ צ.ק. ל.ק.י.פ.אר.

13/4381

א מתנה אין נאָמען פון

מנחם ברוך חיים פישמאן

באַנע לעווינ

אַפ דער זוניקער זײַט

קינדער־פאַרלאַג באַם צ.ק. ל.ק.י.פ.או.

כאַרקאָוו 1936 אָדעס

צייכענונגען פון קינסטלער וו. ביעווסקי
פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטער אי. גרינזייד
טעכאָנפירער יא. אָלמאן
קאָרעקטער ג. ראכליס

Одобліт № 1405. Уповноваж Головліту № 3307. Зам. № 909. Тираж 3000. Формат паперу 72 x 94 1/16. 2 друк. арк. 1,1 авт. арк. Здано на виробництво 23-XI 35 р. Підписано до друку 23-XII 35 р. Чергове видання № 184.

Друкарня ім. Леніна, Одеса, Пушкінська № 18.

ערעוו א רעגנ

וועמ ווערט זאָגנ מיר אצינד,
וואָס וועט זײַנ דאָ שפּעטער?
צי א רעגנ מיט א ווינט,
צי א גוטער וועטער?
קײנער ווײסט ניט? אײַ־אײַ־אײַ!
הויבט נאָר אופּ די אויגנ!
הערט זיכ אײַנ אינ צווישטשרײַ
אונ קוקט ווי ס'פליִענ פויגל.
פליִענ פויגל הויכ אונ ווײַט —
אינ סאָד מיר קענענ זיצנ,
די פויגל פילנ פאר דער צײַט
דעמ דונער אונ די בליצנ;
אונ אויב זײ פליִענ נידעריק
נאָענט בא די וועגנ,
גײענ מיר צוריק אהײמ —
עס קלײַבט זיכ אפּ א רעגנ.

ווילִיע

די קאַץ האָט מוירע פאַר אַ פראָסט,
וואַרעמט זיך די קאַץ אין ווינקל.
נאָר ווילִיע איז אַ קאַץ, צי וואָס?
ווילִיע איז דאָך גאָר אַ ייִנגל!

ווילִיען שרעקט ניט אָפּ די קעלט,
ווילִיע זעט דעם שניי און קוועלט,
און ער גיט די טיר אַ שטופּ,
בלײַבט די קאַץ אַליין אין שטוב.

ווילִיע גייט אין גאַס אַרויס
און ער מאַכט פון שניי אַ הויז.
און ער גיט דעם שניי אַ קער,
ווערט פון שניי אַ ווײַסער בער:
אָט אַזוי די גרויס און הויך,
מיט אַ קאָפּ און מיט אַ בויך,
אָבער וויפל דאַרף מען פיס,
ווייסט ניט ווילִיע אָפּ געוויס!
עפּשער צוויי, און עפּשער פיר,
און טאָמער דאַרף מען אָן אַ שיר?
ס'איז דאָך ניט קיין פּראָסטער בער,
ס'איז אַ ווײַסער, דאַרף מען מער!

שארט ער שניי, אונ שארט אונ שארט,
ווערנ אימ די הענטלעכ הארט,
אונ יעדער פינגערל איז שווער,
שטײַפ אונ רויטער פונ א מער.
ווישט ער שטיל די אויגלעכ אויס,
קײַקלט זיכ א טרער ארויס.

שרײַט די מאמע:
— זייער שיינ,
איכ האָב געזאָגט
ס׳וועט זײַנ געוויינ,
איכ האָב געזאָגט א קאלטער טאָג,
איכ האָב געזאָגט
מע דארפ ניט גיינ!

כליפעט ווילי: אוי־אוי־אוי,
כ׳וויינ ניט, ס׳לאכ איכ גאָר אזוי!
ווילי איז א קאצ, צי וואָס?
ווינטער מוז דאָכ זײַנ א פראָסט!

דאָס ענטל

— אָט א קלוגע הינדעלע,
קלוג אזוי און שיין!
ריכטיק, מאמע טײַערע,
דו זעסט, זי שווימט אליין.
שווימט אליין און שרעקט זיך ניט,
און שטעלט זיך גאָר ניט אָפּ,

אוי, וואָס טוט דאָס הינדעלע —
אינ וואַסער שטופּט דעמ קאָפּ,
דאָס קעפּל און דאָס העלדזעלע —
וואָס וועט איצטער זײַנ?
מער ניטאָ קײנ הינדעלע,
אינ טײַכ זי פאַלט ארײַנ!
לאַכט די מאַמע: — זונעלע,
אַכ, דו קלײנער זונ,
א אינדיק, צי א גענדזעלע —
אַלצ איז דיר א הונ.
דאָס איז דענ א הינדעלע?
א ענטל איז עס, קוק!
זעסט אינ דינע הײַטעלעכ
די פינגערלעכ פאַרוקט.
האָב פאַר איר קײנ מורע ניט,
אָנ שווימט זי שוינ צומ ברעג,
טרײסלט אָפּ די פליגעלעכ
און גײט זיכ מיט איר וועג.

ווילֿיע אונ מאַיע

בא ווילֿיע ווילֿיאנענ
איז א הינטל פאראנענ.
אזא מינ, אפ רעדלעכ,
צו א ברעטל געפרעסט.





ווילֿיענקעס הינטל
איז שטענדיק אינ ווינקל,
מע וואלגערט אימ אומעט—
איז ליגט ער אונ ליגט.

בא מאַיע מאריאנענ
איז א הינטל פאראנענ,
אנ עמעסער טאקע,
וואָס האווקעט אונ עסט.



דאָס הינטל מאריאנעס,
(זײַנ נאָמענ איז בומע)
ער פליט, ווי א ווינטל
אהינ אונ צוריק...

ווילְיענקעס הינטל
א גרויסער, א גרויער,
איז וואָס, אז א גרויסער?
ער היט ניט דאָס הויז,
אונ קלייניקער בּומסל
אים נעמט פארנ אויער,
צי גאָר פאר א רעדל
אונ ווארפט אים ארויס.

אָט דאָס איז א בּומסל!
אז אלצ איז זײַנ אייסעק!
קלאפט עמעצער אָנעט,
קלינגט עמעצ באם טיר,
שפּרינגט בּומסעלע אונטער
אונ האווקעט מיט כיישעק:
— האוו, האוו — ווער דארפט
איר?
פרעגט פריִער בא מיר!



אונ איינמאָל גייט ווילְיע
מיט מאיענ שפּאצירנ,
אונ בּומסע, פארשטייט זיכ,
לויפט פריִער פאָרויס.
מיט איינמאָל א יונג,
אזא מיִעסע צורע,
בא ווילְיענ זײַנ הינטל
פונ האנט כאפּט ארויס!

אז בּומסעלע קלײנער,
מיט רויטינקנ צינגל,
ער כאפט עס דעמ ייִנגל,
ער כאפּט מיט די ציינ.

אונ גלייַכ פאר די הויזלעכ,
אונ גלייַכ פאר די שיכלעכ:
— דעמ הינט גיב ארויסעט,
גיסט אָפּעט צי ניינ!
זאָגט מאיע־מאריאנע:
— מייַנ בומס איז אזא מינ
פאר קיינעמ, פאר קיינעמ
ער שרעקט זיכ ניט,
הער!
ניט נאָר פאר יינגלעכ.
אפילע פאר בערנ,
לע פאר זשוקעס
ער שרעקט זיכ ניט מער.

אונ פלוצלינג פונ טויער,
פונ נאָענטנ הויפל,
א ציגעלע שיינע
גייט וואזשנע אונ בראוו.

זאָגט בומסעלע העפלעכ:
— גוט מאָרגנ אייַכ, שכיינע!
— גוט מאָרגנ אייַכ, שכיינע,
אפ הינטיש: — האוו, האוו!



נאָר ציג גיט א קער גאָר
די שפּיציקע הערנער,
מיטנ באָרד גיט א טרייסל:
— טרעט אָפּ דעמ אָרט!
אונ בומסל דערשרעקט זיכ,
נאָר ניט פאר די הערנער,
אונ ניט פאר איר טופּענ —
עס שרעקט אימ די באָרד!

אונ ווילִיענקעס הינטל
מיט גלעזערנע אויגנ,
ער שטייט זיכ, ער קוקט זיכ
מיט רויִקנ בליק.
זאָגט ווילִיע:
— אהא! דײַנ הינטל,
ער טויג ניט,
מײַנער א דרייסטער,
אונ דײַנס טאקע ניט!

נאָר בומס גיט א וואָרפ זיכ:
— האוו, האוו, ס'איז א ליגנ!
ווער שרעקט זיכ פאר ציגנ,
פאר הערנער אונ באָרד,

אונ די ציג הויבט אָנ לויפנ
אונ זי כאפּט מיט די הערנער,
גאָר ווילִיענקעס הינטל,
וואָס שטייט אפ איינ אָרט.
צעכליפּעט זיכ ווילִיע:
— איכ וויל ניט,
איכ דארפ ניט,
ווו איז ער מייַנ הינטל,
ווו איז ער אצינד?
זאָגט מאיע־מאריאנע:
— נו, ווילִיענקע — ווילִיע,
צו וואָס דארפסטו האָבנ
צוקלוימערשט א הונט.



וואָס איז דאָ פריילעכ?
ער קאָנ דאָכ ניט האווקענ,
מע וואלגערט אימ אומעט
איז ליגט ער אונ ליגט;
אונ קאָנ גאָרניט לויפֿנ,
אונ שטובּ קאָנ ניט היטנ,
מע דארפֿ אימ נאָר שלעפּנ
נאָכ זיכ אפֿ א שטריק!

אונ דו זאָלסט ניט וויינענ,
געפֿעלט דיר מײַנ בומסל?
איז וועט אָט דער בומסל
אונדז ביידעמענס זײַנ!
ביסט דאָכ מײַנ כאווער,
איז וועט אונדזער בומסל
אביסל זײַנ מײַנער,
אונ אביסל זײַנ דײַנס!



פונ נעסט

פונעמ נעסטל־וויגעלע
א קוק מיט שווארצנ אויגעלע,
דערנאָכ דאָס שווארצע קעפעלע
א דריי אהער, אהינ —
אונ פלוצימביידע פליגעלעכ
גיט א הויב דאָס פייגעלע,
אונ אפנ בוימ מיט עפעלעכ
זי צוויטשערט שטיל אונ דינ...

טרעפט דאָס פיצל־פייגעלע,
א טשעפע טוט א בלעטעלע,

אונ ס'שוט דאָס טוי פונ צווײַגעלע,
אינ גרינעמ גראָז א קלאפ. —
קוקנ שווארצע אייגעלעכ
פונ דאָרט, פונדאנענ זעט מענ ניט,
ווו זײַנענ זיי די קײַקעלעכ,
ווער האָט זיי געכאפט?

מיט די אויגנ־שפיגעלעכ
א שײַנ אינ אלע ווינקעלעכ,
אונ נאָכדעמ ערשט פארמעסט
זי זיכ
ארופ, אראָפ אינ וועג.
א פאָכ מיט בײדע פליגעלעכ,
אונ גלײַכ מיט קאָפ אינ
נעסטעלע,
אונ שטעקט פונ נעסטל
טונקעלנ
איינ שטיקעלע פונ עק.



א מײַסעלע

מיר זײַנען דאָך די בויער,
בויען מיר א מויער,
ניט צו קליין און ניט צו גרויס,
פאר א זשוק װעט זײַן דאָס הויז...
דער זשוק האָט הערנער עכטע
און שטראָפט די קינדער שלעכטע.
גייט מען ניט פארקעמטע,
אַפ די הערנער נעמט ער,

אויפ באמ עסנ שטיק מע מאכט,
קומט דער זשוק אהער פארנאכט,
מיט א ברויגעז אונ א זשומ,
זאָגט ער אָנ:—איכ קומ, איכ קומ!
זשש... אָט בינ איכ, אָטאָ, האָפּ!
אפנ בריק ער פאלט אראָפּ,
אונ קוקט די פוילע קינדער אויס,
נאָכדעמ פליט אינ גאס ארויס.
אונ וועגנ קינדער פוילע
דערציילט ער זשוקעס ווילע.
זײַנענ פוילע דאָ אסאכ,
זשומט דער זשוק א גאנצע נאכט.

פינגערלעך

פאראַן אַ גרינער גאָרטן,
אַ האָנעלע וווינט דאָרטן.
לויפט מײַן זון, מײַן מאָנעלע,
כאַפּן וויל דאָס האָנעלע.
צעשטעלט ער ביידע הענטעלעך,
אַנטלויפט פון אים דאָס הענדעלע,
צעשפּרייט ער אַלע פינגערלעך,
לויפט דאָס האָנדל פלינקער נאָך.
זאָגט דער פינגער גרויסער:
— לאָז נאָר מיך אַרויסעט!
ווײַזט דער פינגער צווייטער:

— אָנאָ, אָנאָ, גייט ער!
זאָגט דער פֿינגער דריטער:
— אָנאָ, אָנאָ, פֿליט ער!
זאָגט דער פֿינגער פֿערטער:
— גלייַך אהער פֿארקערט ער! -
זאָגט דאָס פֿינפֿטע פֿינגערל:
— כאָטש איך בין א יונגערער,
איך בויג זיך איין אביסעלע,
דעם האָן כאַפּ פֿאר דעם פֿיסעלע.

אלע, אלע פֿינגערלעך
העלפֿן צו מייַן ייִנגעלע,
נאָר שרייַט דאָס האָנדל: קו־קו־ריקו!
לויפֿן פֿינגערלעך צוריק,
פֿונעם גרויסן ביזן קלייַנעם
אין פֿויסטל טוליען זיך איינייגעם.

וויינט מייַן זון, מייַן מאָנעלע:
— ניט געכאַפּט דאָס האָנעלע,
איך בין א שלעכטער ייִנגעלע,
מיך פֿאָלגן ניט די פֿינגערלעך.
— ניין, מייַן פֿלאַפֿל־צינגעלע,
דו ביסט א גאָלדן ייִנגעלע,
נאָר די הענטלעך שיינינקע
פֿארמאָגן פֿינגער קליינינקע.

ניט איך!

אז איך בין ניט שולדיק,
דעם שולדיקן זוכט!
כ'האָב ליב גאָר מײַן העפט,
מײַן העפט און מײַן בוך.
איך וויל מײַנע זאכן
זאָלן ציכטיקע זײַן,
דער לערער זאָל לויבן
און זאָגן מיר: „פײַן״!

איך וויל אינעם קלאַס
זאָל איך זײַן בריגאַדיר,
יעדער א בײַשפּיל
זאָל נעמען פון מיר.
אָבער די ביכער צעלויפן זיך פאָרט,
יעדערער זוכט זיך א בעסערן אָרט.
איך זוך און איך זוך,
איך זוך און איך זוך,
וווּהין איז שוין ווידער
פארשווּנדן מײַן בוך?



און פלוצלינג פון קיך
די מאמע קומט אָן,
אין דער האנט, אין דער הויך
האלט א בוך, ווי א פאָן.
און פונעם ביכל א שטראָמעלע פליסט,
דער מאמען אין ארבל א שטראָמעלע גיסט.
קוק איך זיך אײַנעט,
דערקען איך דאָס בוך,
ס'איז טאקע דאָך יענער,
אָט דער, וואָס איך זוך.

זאָגט מיר די מאמע: — אין וואנע, אין קיך,
אָט דאָרטן, אין וואסער געלעגן דײַן בוך!

אוי, טאקע דעמ בוכ
האָב איכ דאָרטנ געלייענט,
בעשאס כ'האָב מיט פּראָשעק
גערייניקט די ציינ.
דערנאָכ אימ פארגעסנ
אפ איינ רעגע, קאָנ זײַנ,
נעמט ער אונ ווארפט זיכ
אינ וואנע ארײַנ!
אז איכ בינ ניט שולדיק,
דעמ שולדיקנ זוכט,
כ'האָב ליב גאָר מײַנ העפט,
מײַנ העפט אונ מײַנ בוכ.

אינ צײַטונגענ וויקל איכ
אײַנעט מײַנ העפט,
נאָר שטענדיק אינ טעלער
מײַג העפטעלע טרעפט.
אונ וואָס נאָר איכ עס,
פארווילט זיכ אימ אויכ.
קריכט ער צומ הערינג,
אונ קריכט ער אינ יויכ;
פארשטייט זיכ, אינ פלעקנ
ווערט גלײַכ דאָס פאפיר,
נאָר איכ בינ דענ שולדיק,
וואָס האָט מענ צו מיר!

אונ דאָס, וואָס אינ טינט
איז מײַנ אָנצוג געווענ,

איז שולדיק, פארשטייט זיך,
ניט איך, נאָר מײַן פען.
אַז דיק איז דאָס הענטל,
די פען־מיט א שפּיץ,
און דער טינטער איז פול,
נו, איז טוט עס א שפּריץ!
איז שולדיק די פען,
וואָס שפּריצט און וואָס פּיקט,
און די העפט, וואָס זי דרייט זיך
נאָר הין און צוריק!
וואָס־זשע זאָגט מען אף מיר,
אַז איך האַלט זיך ניט ריין;
מע טשעפּעט זיך פּאָשעט,
ווײַל איך בין נאָך קליין!



מײַ־מאריאנע

מײַ־מאריאנע ברויגעזע,
מײַ־מאריאנע מײדעלע,
אינ א ווײַסנ היטעלע,
אינ א בלויענ קלײדעלע.
וואָס שווײַגסטו אלצ אינ ווינקל,
דו האָסט דענ ניט קײנ צינגל?

— כ׳וועל ניט זאָגנ!

מײַ־מאריאנע קלײנינקע,
מײַ־מאריאנע קוויטעלע,
ביסט דאָכ אזא ווילינקע,
אזא גוטינק מײדעלע.
פארוואָס ווילסטו ניט רײדנ,
צוגאסט ביסט דאָכ באמ זײדנ!

— ניט פארוואָס, אזוי!



מײַ־מאריאנע ברויגעזע,
מײַ־מאריאנע מיידעלע,
אינ א ווײַסנ היטעלע,
אינ א בלויענ קליידעלע,
עפּשער ווילסטו מערעלעכ,
עפּעלעכ אונ קערעלעכ?

— גיב אהער!

איצטער זאָג מיר, מיידעלע,
אינעם בלויענ קליידעלע,
געפעלנ דיר די מערעלעכ,
די עפּעלעכ אונ קערעלעכ?

כ'וועל ניט זאָגנ!

נו, פארוואָס־זשע מײַעלע,
זאָג, פארוואָס, מאריאנעלע,
נו, זאָג־זשע מיר, דײַנ זיידנ,
פארוואָס ווילסטו ניט ריידנ?

— ניט פארוואָס, אזוי!

אכ דו שלעכטע מיידעלע,
אינעמ בלויענ קליידעלע.
זע, ווי אלע קינדער
באטראכטנ דיכ מיט ווונדער,
אונ די קאצ אפילע
וויל מיט דיר ניט שפילנ!

ווילִיע נאַשער

— וואָס־זשע, ווילִיע, ווילסטו פאָרט?
זאָג־זשע מיר, מײַנ לעבנ!
— וואָס דו ווילסט, מיר איז אלצאײנס,
אבי זאָלסט עפּעס געבנ.
איכ וויל דאָכ עסנ, מומע עטיע,
עסנ זייער וויל איכ.

— וועל איך געבן דיר א גלאָז
גוטע, קאַלטע מילך.
— ניין, ניין, ניין,
ניין, ניין, ניין,
פון קאַלטע טוט מיר ווי די ציין!

— וואָס־זשע, ווילע, ווילסטו פאָרט?
זאָג־זשע מיר, מײַן לעבן!
— וואָס דו ווילסט, מיר איז אלצאיינס,
אבי זאָלסט עפּעס געבן.
איך וויל דאָך עסן, מומע עטיע,
כ׳האָב דאָך שוין געבעטן.
— וועל איך געבן דיר א פּאָר,
נאָך הייסינקע קאָטלעטן.
— ניין, ניין, ניין,
ניין, ניין, ניין,
פון הייסן טוט מיר ווי די ציין!

— וואָס־זשע, ווילע, ווילסטו פאָרט?
זאָג־זשע מיר, מײַן לעבן!
— וואָס דו ווילסט, מיר איז אלצאיינס,
אבי זאָלסט עפּעס געבן.
אז איך וויל עסן, מומע עטיע,
בין איך דאָך א גוטער?
— וועל איך געבן דיר א פרישע
בולקעלע מיט פּוטער!

— ניינ, ניינ, ניינ,
ניינ, ניינ, ניינ,
בּרויט פארקריכט מיר
אינ די ציינ!

— וואָס־זשע, ווילע, ווילסטו פּאָרט?
זאָג־זשע מיר, מײַנ לעבנ.
— וואָס דו ווילסט,
מיר איז אלצאיינס,
אבי זאָלסט
צוקער געבנ.



1־טער מײַ

מײַע־מאיִנקע מאריאנע
נעמט פונ קינדער־גאָרטנ שפּאנענ,
מיט צוויי קוישלעכ שיינינקע,
קאָלירטע קוישלעכ, קליינינקע.

וואָס איז דאָרטנ ניט פּאראנ:
אנ אווטאָ אונ א דיוואנ,

אעראָפּלאנ מיט פליגל,
א ליאלקע מיט א וויגל,
בלײַערס, פארבנ אונ פּאפּיר
אָנ א שיר אונ אָנ א שיר;
א העזל האלט א מערעלע,
א ליאלקע האלט א בערעלע,
אונ דער בער בא זיכ אינ שויס
האלט אנ עפּל רויט אונ גרויס.
אונ בא יעדנ זײַט פונ קויש,
קוקנ פענדעלעכ ארויס.

מײַע־מאינקע מאריאנע
ברענגט די קוישעלעכ פונוואנענ,
פונ דער מאמענ, פונ א מומענ,
איר געבורטאָג איז געקומענ?
ענטפערט מײַעלע: — פונדאָרטנ,
ס'איז פונ אונדזער קינדער־גאָרטנ,
ס'איז דאָרט פּאָסטישעוו געוועג,
יעדנ קינד האָט ער געזעג,
יעדנ קעפּעלע געגלעט,
מיט יעדנ קלײנינקנ גערעדט:
— וואקס, מײַנ קינד, געזונט מיר זײַ,
אינ דײַנ לאנד איז ערשטער מײַ!

אינהאלט

ערעור א רעגן 3

ווילע 4

דאָס ענטל 6

ווילע און מאריע 8

פונ נעסט 14

א מײַסעלע 16

פינגערלעך 18

ניט איך 20

היי־מאריאנע 24

ווילע — נאשער 27

1־טער מיי 30

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03638

AF DER ZUNIKER ZAYT

Chane Levin

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-03638-2

9780657036386T.PS